# אָקספֿאָרדער ייִדיש

III

# אָקספֿאָרדער ייִדיש

## III

רעדאַקטאָר

הירשע־דוד קאַץ

געהילף־רעדאַקטאָרן

גענאַדי עסטרײַך, דובֿ־בער קערלער

ביבליאָטעק פֿון דער משפּחה קאַץ
מענדקע, רבֿקה און הירשע־דוד

פֿאַרלאַג „אָקספֿאָרדער ייִדיש"

דער באַנד איז געווידמעט

דעם ליכטיקן אָנדענק פון

# מאַקס פּערלאָוו

(1993 — 1902)

ייִדישער שרייבער

געזעלשאַפטלעכער טוער

און מסירת־נפשדיקער קעמפער

פאַר אַ פאַראייניקטער ייִדישער קולטור

# אינהאַלט

## יידישע שפּראַך און קולטור אין ליטע


כאַצקל לעמכען (ווילנע)
די השפּעה פון ליטוויש אויפן יידישן דיאַלעקט אין ליטע ........... 5

לייזער ראַן (ניו־יאָרק)
גלייכווערטלעך און רעדנסאַרטן פון ווילנער יידישן פאָלקס־מויל ....... 133

אהרן גאַראָן (ווילנע — בני ברק)
סאָפיע גורעוויטש און איר ווילנער גימנאַזיע (מעמואַר) ............ 153

אַרטור לערמער (מאָנטרעאָל)
זכרונות וועגן דעם ווילנער יידישן לערער סעמינאַר (מעמואַר) ......... 173

אַבראַשקע־קיוועס ראָגאָווסקי (תל אביב)
דער חפץ־חיים אין ראַדין (מעמואַר) ........................ 193

רימאַנטאַס דיכאַוויטשיוס (ווילנע)
דער אַלטער ווילנער בית־עולם (פאָטאָגראַפיעס) .................... 205


## יצחק באַשעוויס
(1991 — 1904)


חנא שמערוק (ירושלים)
יצחק באַשעוויס: דער מעשה־דערציילער פאַר קינדער ............. 233

איטשע גאָלדבערג (ניו־יאָרק)
יצחק באַשעוויס־זינגער און די יידישע ליטעראַטור ............... 285

אריאלה קראַסני (רמת גן)
קבלה עלעמענטן אַלס פּאָעטישע סיסטעם אין דער שוחט ........... 317


## געשיכטע פון יידיש


דוב־בער קערלער (אָקספאָרד)
גיט(ע)לים, גיטלינ(ס) און גיטליץ: יידישע פאַמיליע נעמען און
מאָרפאָלאָגישע רעקאָנסטרוקציע ........................ 333

יאָהאַנעס ל. בראָזי (אָקספֿאָרד)
באַמערקונגען צו דרום־מערבֿ ייִדיש . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 369

הירשע־דוד קאַץ (אָקספֿאָרד)
צום אורשפּרונג פֿונעם מלעיל . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 389

## פֿאָלקלאָר

האָלגער נאָט (ניו־יאָרק)
נעמען פֿון שטעט אין ייִדישן פֿאָלקסליד: ממשותדיקע מקומות אָדער
אילוזיעס? . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 425

אהובה בעלקין (תל אביב)
קאַפּויערדיקער קאַפּויער: דער ייִדישער קאַרנאַוואַל־טעאַטער . . . . . . . . 449

באָרים סאַנדלער (קעשענעוו — ירושלים)
שפּריכווערטער פֿון רישקאָן (בעסאַראַביע) . . . . . . . . . . . . . . . . . 473

## ליטעראַטור

מכאל קרוטיקאָוו (ניו־יאָרק)
נאַראַטיווע שטימען אין מענדעלעס דאָס קליינע מענטשעלע . . . . . . . . . 489

רחל משורר (רמת גן)
אַ טראַנספֿאָרמירטער מאָטיוו: פּרצעס זיבן גוטע יאָר . . . . . . . . . . . . 505

דפנה קליפֿאָרד (אָקספֿאָרד)
בילדער פֿון פֿרויען אין דוד בערגעלסאָנס נאָך אַלעמען און פֿראַנץ
קאַפֿקאַס דער שלאָס . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 517

מיכל גיא (ירושלים)
משה קולבאַקס רײַסן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 529

שלום לוריא (חיפה)
דעם נסתּרס מלך מאַגנוס . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 553

חיהלע ביר (אָקספֿאָרד)
מאַנגערס ערשטע באַלאַדעס: איינציקע אייגנשאַפֿטן . . . . . . . . . . . . . 573

יוסף בר־אל (רמת גן)
יעקבֿ פֿרידמאַנס נפֿילים: גרעפּאַלנקייט און אַפּאָטעאָזיס . . . . . . . . . . 585

משה קיאַק (בוענאָס איירעס)
צבֿי אייזנמאַנס אין דער נאַכט אויף שמירה: שולד געפֿילן ביי די
לעבן געבליבענע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 605

## קולטור געשיכטע


בנימין נאַדעל (ניו־יאָרק)
די בונדישע פּרעסע און יידיש ........................ 633

אסתר הורלימאַן (ציריך)
דער זשענעווער אידישער ארבייטער ........................ 649

געננאַדי עסטרייך (אָקספֿאָרד)
יידישע פּראָלעטאַרישע קולטור רעוואָלוציע: אַ סטעזשקע
אין אַ בלינד געסל ........................ 661

דוב־בער קערלער (אָקספֿאָרד)
אייזיק זאַרעצקי שרייבט פֿון סטאַלינאַבאַד (1945) ........................ 681

ראובן־משה שפּיראָ (ניו־יאָרק)
יזכור־ביכער איבער יידישע ישובים אין סאָוועטישן ווייסרוסלאַנד
און אוקראַינע ........................ 701


## זכרונות


שפרה שטערן קרישטאַלקע (מאָנטרעאָל)
בלעטלעך פֿון אַ לערערינס טאָגבוך (טישעוויץ, 1932) ........................ 725

זלמן ליבינזאָן (ניזשני נאָווגאָראָד)
וועגן דעם יידישן פֿאַקולטעט אין מאָסקווע ........................ 753

בלומע קאַץ (סווינציאַן)
דאָס יאָר 1937 ........................ 773

מאיר באָגדאַנסקי (לאָנדאָן)
לאָנדאָנער יידישע שרייבער ........................ 785

מרים שמולעוויטש־האָפֿמאַן (ניו־יאָרק)
די חבלי לידה פֿונעם יוסף פֿאַפּ יידישן טעאַטער ........................ 809


## רעצענזיעס


קאָבי ווייצנער (תל אביב)
שלום־עליכם אין בילד ........................ 833

אברהם ליס (תל אביב)
בערל רויזן און זיין שאַפֿן: ליטעראַריש־היסטאָרישע שטודיעס ........................ 845

דוב־בער קערלער (אָקספֿאָרד)
חוליות: אַ נייער שטאַפּל פֿון יידישער פֿילאָלאָגיע אויף עברית ........................ 857

גענאַדי עסטרייך (אָקספאָרד)
נייע סעריע ייוואָ בלעטער: אַ פּילצוואָגנדיקער פּאָטשאַטעק ........... 873

הירשע־דוד קאַץ (אָקספאָרד)
דער גורל פון אוריאל ווײַנרײַכס עזבון: דער ערשטער באַנד פונעם
אַטלאַס און די ראשי פּרקים ........................... 889

## פון שלמה בירנבוימס עזבון

שלמה בירנבוים (טאָראָנטאָ)
אַלטע כתב־ידן אויף יידיש ........................... 925
צוועלף בריוו פון שלמה בירנבוים ........................... 937

תיקון־טעותן און הוספות ........................... 965
וועגן די מחברים ........................... 981

# OXFORD YIDDISH

## Studies in Yiddish Language, Literature and Folklore

# III

Editor

Dovid Katz

Associate Editors

Gennady Estraikh    Dov-Ber Kerler

OKSFORDER YIDISH PRESS

in association with the

OXFORD INSTITUTE FOR YIDDISH STUDIES

This volume was published through the generosity of
David and Beth Tabatznik
in memory of Yiddish poet and novelist
Mendel Tabatznik
(1894 — 1975)

Additional support was provided by the
Atran Foundation
(New York)

OKSFORDER YIDISH PRESS
in association with the
OXFORD INSTITUTE FOR YIDDISH STUDIES
Golden Cross Court
4 Cornmarket, Oxford OX1 3EX
England

The name 'Oxford' in the series title is used by the
courtesy and kind permission of Oxford University Press

ISBN 1-897744-02-1

©1995 OXFORD INSTITUTE FOR YIDDISH STUDIES

All rights reserved. No part of this book may be reproduced or transmitted
in any form or by any means, electronic or mechanical, including photocopying,
recording, or by any information storage and retrieval system.

# Contents

## Yiddish Language and Culture in Lithuania

Ch. Lemchenas (Vilnius)
The impact of Lithuanian on Yiddish in Lithuania 5

Leyzer Ran (New York)
Aphorisms and idioms in colloquial Vilna Yiddish 133

Aaron Garon (Vilnius — Bnei Brak)
Sofia Gurevitch and her *gimnazye* in Vilna (memoir) 153

Arthur Lermer (Montreal)
The Vilna Yiddish Teachers' Seminary (memoir) 173

Abrashka-Kives Rogovski (Tel Aviv)
The "Chofetz Chaim" in Radin (memoir) 193

Rimantas Dichavičius (Vilnius)
The old Jewish cemetery of Vilna (photographs) 205

## Isaac Bashevis Singer (1904 — 1991)

Chone Shmeruk (Jerusalem)
Isaac Bashevis Singer, teller of children's stories 233

Itche Goldberg (New York)
Isaac Bashevis Singer and Yiddish literature 285

Ariela Krasni (Ramat Gan)
Kabbalistic elements as poetic system in Singer's *Der shoykhet* 317

## Language

Dov-Ber Kerler (Oxford)
*Git(e)lis, Gitlin(s)* and *Gitlitz*: Yiddish family names and morphological reconstruction 333

Johannes L. Brosi (Oxford)
Comments on Southwestern Yiddish 369

Dovid Katz (Oxford)
Origins of penultimate stress in the Semitic component in Yiddish 389

# Folklore

Holger Nath (New York)
Names of cities in Yiddish folksongs: real places or illusions? 425

Ahuva Belkin (Tel Aviv)
Yiddish carnival theatre 449

Boris Sandler (Kishinev — Jerusalem)
Yiddish proverbs from Rishkon 473

# Literature

Mikhail Krutikov (Moscow — New York)
Narrative voices in Mendele's *Dos kleyne mentshele* 489

Rachel Meshorer (Ramat Gan)
A transformed motif: Peretz's *Zibn gute yor* 505

Dafna Clifford (Oxford)
Images of women in Bergelson's *Nokh alemen* and
Kafka's *Das Schloss* 517

Michal Gai (Jerusalem)
Moyshe Kulbak's *Raysn* 529

Shalom Luria (Haifa)
The Nister's *Meylekh Magnus* 553

Helen Beer (Oxford)
Characteristics of Manger's early ballads 573

Joseph Bar-El (Ramat Gan)
Yankev Friedman's *Nefilim:* dejection and deification 585

Moisés Kijak (Buenos Aires)
Tzvi Eisenman's *In der nakht af shmire*: guilt of the survivor 605

# Cultural History

Benjamin Nadel (New York)
The Bundist press and Yiddish 633

Esther Hürlimann (Zurich)
The Geneva *Yidisher arbeter* 649

Gennady Estraikh (Oxford)
Jewish proletarian "cultural revolution": pathway to a blind alley 661

Dov-Ber Kerler (Oxford)
Ayzik Zaretski writes from Stalinabad (1945) 681

Reuven Moshe Shapiro (New York)
Memorial books for Jewish communities in Soviet Belorussia and Ukraine 701

## Memoirs

Shifra Shtern Krishtalke (Montreal)
Extracts from a teacher's diary: Tishevitz, 1932 725

Zalmen Libinzon (Nizhny Novgorod)
The Yiddish Faculty in Moscow 753

Bluma Katz (Svintsyan)
1937 773

Majer Bogdanski (London)
London Yiddish Writers 785

Miriam Hoffman (New York)
Birth pangs of the Joseph Papp Yiddish theatre 809

## Reviews

Kobi Weitzner (Tel Aviv)
A. Lis: Sholem Aleichem in Pictures 833

Abraham Lis (Tel Aviv)
Berl Royzn: *Literary and historical studies* 845

Dov-Ber Kerler (Oxford)
*Huliot*: a new phase in Yiddish studies in Hebrew 857

Gennady Estraikh (Oxford)
A new series of *Yivo bleter*: a beginning with great promise 873

Dovid Katz (Oxford)
The fate of Uriel Weinreich's legacy: volume one of the *Atlas* and the publication of *Outlines* 889

## From the Birnbaum Archive:

Solomon A. Birnbaum
Old manuscripts in Yiddish 925

Twelve letters from Solomon A. Birnbaum 937

Corrections and additions 965

Contributors to this volume 981

# צום אורשפּרונג פֿונעם מלעיל

פֿון
הירשע־דוד קאַץ
(אָקספֿאָרד)

## I

## די פּראָבלעם

פֿון וואַנעט קומט צום סעמיטישן קאָמפּאָנענט אין יידיש דער מ ל ע י ל: דאָס שטעלן דעם טראָפּ אויפֿן פֿאַרלעצטן טראַף? אויף לשון קודש און אַראַמיש פֿאַלט דאָך דער טראָפּ כּידוע אויפֿן מ ל ר ע (דער לעצטער טראַף), אינעם ווייט גרעסטן רוב פֿון די קאָרעספּאָנדירנדיקע ווערטער. אויף יידיש איז דאָך דער דין **álmən** (אלמן), tálməd (תּלמיד), šɔ́xṇ (שכן), און ניט אַשטיינער almɔ́n, talmíd, šɔxéjn, ווי אינעם פֿאָרמעלן נוסח פֿון אַשכּנזישן לשון קודש, וואָס מ׳קען הערן בײַ טייל אַשכּנזישע חזנים און דער עיקר בײַ אָפּגעהיטע בעלי־קריאה.

סײַ אויף יידיש, סײַ אויף אַשכּנזיש, זײַנען די איכותן פֿון די באַטאָנטע וואָקאַלן געווענדט אינעם דיאַלעקט (פֿגל. קאַץ 1983; 1993א). דאָרטן וואו די וואָקאַלישע וואַריאַציע איז ניט שײַך צום ענין, ווערט דאָ פֿון פּשטות וועגן געבראַכט מערניט די סטאַנדאַרדע פֿאָרמע.

אין משך פֿון די דורות, איז וועגן מלעיל כּהלכה יידיש, בײַם דאַווענען אויף לשון קודש, ניט איינמאָל געגאַנגען די רייד בײַ די רבנים. ניט קיין קלענערער ווי ר׳ יעקב עמדין (דער יעב״ץ, 1697—1776) האָט דעם יידן פֿון אַ גאַנץ יאָר אַן עצה געגעבן:

ויזהר במלעיל ומלרע · במי שאפשר לו ויודע הדברים אמורים · אבל מי שלא הגיע לידי מדה זו בנעורים · אי אפשר להטריחו בהנחת הטעמים שטורחו ורב ומייגע דבורו · והפסדו מרובה משכרו · לכן טוב שלא לבלבל הקורא אשר לא ניסה באלה במטבע התפילה:

(עמדין 1745: ד׳ ע״ב)

[און מ׳דאַרף זײַן אָפּגעהיט מיט מלעיל און מלרע, בײַ דעם וואָס אים איז דאָס מעגלעך, און ער פֿאַרשטייט אין די־אָ זאַכן. אָבער ווער עס איז צו אַטאָ דער מידה ניט דערגאַנגען יונגערהייט, קען מען אים ניט מטריח זײַן אין דער שטעלונג פֿון די וואָרט־אַקצענטן, מחמת די טירחא איז צו גרויס און באַשוועריקט זײַנע רייד, און זײַן פֿאַרלוסט איז גרעסער פֿאַרן געווינס. דעריבער איז בעסער מ׳זאָל ניט צעמישן דעם בעל־תּפֿילה וואָס איז בײַ דעם־אָ ניט געניט געוואָרן אין די רגילותן פֿון תּפֿילה.]

די וואַריאירלעכקייט גופֿא איז מעגלעך געוואָרן מחמת דעם וואָס דער אַשכּנזישער העברעאיש און דער אַשכּנזישער אַראַמיש זײַנען געווען נ י ט־גערעדטע שפּראַכן, לשונות צום דאַוונען, צום לערנען, צום ציטירן. בײַ לעבעדיקע שפּראַכן זײַנען חל בײַ דער מערהייט ווערטער פֿעסטע פֿאָנאָלאָגישע כּללים. אין יידיש גופֿא איז דאָ איין דין בײַם רוב ווערטער: מלעיל.

צום פֿענאָמען מלעיל דאַרף מען זיך דערגרונטעווען האַלטנדיק אַן אויג אויף יידיש און בבת אחת, אויפֿן אַשכּנזישן העברעאיש און אַראַמיש. אויף אַזאַ מין אופֿן ווערט באַשיימפּערלעך קלאָר אַז דאָ גייט די רייד וועגן: מלעיל בײַ די אַשכּנזים.

פֿון קיצור וועגן האָב איך אַרײַנגעפֿירט דעם טערמין אַשכּנזיש, ווי אַ סובסטאַנטיוו, אויף צו באַצייכענען די פֿאָנאָגאָליע סײַ פֿונעם אַשכּנזישן העברעאיש סײַ פֿון אַשכּנזישן אַראַמיש (אין קאַץ 1993א: §1).

II

## די סטרוקטורעלע נפקא⸗מינא

אַמאָפּטסטן קומט אויס צו הערן אַ „לכאורה" באַוויז, אַז דער טראָפּ פאַלט אויפן ערשטן טראַף אַזוי ווי אין דייטש און ווי אין דייטשישן קאָמפּאָנענט פון יידיש, דאָס הייסט אַז אלמן, תלמיד, שכן גייען פּשוט מיט, לאָמיר אָנכאַפּן, מיט אַלע, טישטעך, שרייבער, און שוין. דערצו ווייזט זיך אַרויס פאַר דער יידישער פּאָעטיק אַז דער נאַטירלעכער יידישער ריטעם, וואָס נעמט אַרום די מערסטע צוויי⸗טראַפּיקע ווערטער אין דער שפּראַך, ניט שייך פון וואָסער היסטאָרישן קאָמפּאָנענט, איז דער כאָריי טאַקט, וואָס ביי צוויי⸗טראַפּיקע ווערטער איז ער היינו⸗הך מיט: מלעיל (זע מ. קאַץ 1991).

סטרוקטורעל גערעדט איז אָבער דער תירוץ קיין תירוץ ניט. די נפקא⸗מינה צווישן דייטשישן מיטן סעמיטישן קאָמפּאָנענט זעט מען ערשט דאָרטן וואו עס זיינען פאַראַן מער ווי צוויי טראַפּן. אַז עס פאַרלענגערט זיך אַ צוויי⸗טראַפּיק וואָרט ביים צוגאָב פון טראַפּן אין דער מאָרפאָלאָגיע, זעט זיך תיכף אַז ביי אַלע, טישטעך, שרייבער בלייבט שטיין דער טראָפּ דאָרטן וואו ער איז מלכתחילה געשטאַנען: אַ ל ע מ ע ן, ט י ש ט ע כ ע ר, שרייבעריש; בשעת ווען אינעם סעמיטישן קאָמפּאָנענט, נעמט דער טראָפּ און טוט אַ ש פּ ר ו נ ג אַריבער, צום טראַף וואָס איז אין אַ מזלדיקער שעה געוואָרן דער נ י י ע ר פאַרלעצטער טראַף, דהיינו, דער נייער מלעיל. אַז מ'גיט צו טראַפּן, ווערט דאָך פון אלמן, תלמיד, שכן, אַשטייגער: אלמנה almɔ́nə, תלמידים talmídim, שכנים šxéjnim. דער טראָפּ אין סעמיטישן קאָמפּאָנענט רוקט זיך אַריבער און די גזירה שווה מיטן דייטשישן קאָמפּאָנענט איז אויס גזירה שווה.

ביי גערמאַניזמען איז דער טראָפּ צוגעשמידט צו אַ געוויסן טראַף (בדרך כלל צום שורש) און דאָרטן בלייבט ער שטיין. ביי סעמיטיזמען פאַרקערט איז צוגעבונדן דער טראָפּ צו אַ באַשטימטער ווייטקייט פון אַ ג ר ע נ ע ץ, אין דעם פאַל: פונעם וואָרט⸗סוף; דעריבער איז ער מחויב אַ שפּרונג טאָן, דאָרטן ווען אַ וואָרט געווינט צו נייע טראַפּן. ס'איז דער חילוק פון „שורש אַקצענטירונג" (אין גערמאַנישן קאָמפּאָנענט פון יידיש) ביז „גרענעץ אַקצענטירונג" (אין סעמיטישן). שוין איינמאָל אַ חילוק. פאַראַן אגב אַ הייפעלע יוצא⸗מן⸗הכלל פון ביידע זייטן, צום ביישפּיל דאָקטער — דאָקטוירים, וואו אַ גערמאַניזם פירט זיך אויף „סעמיטיש"; פאַרקערט, למשל, דער סופיקס ⸗טע (היסטאָריש אַפּנים ⸗תא), ביי סעמיטיזמען, פירט זיך גאָר אויף „גערמאַניש" און קען קיין שפּרונג ניט גורם זיין: שכן šɔ́xṇ, שכנטע šɔ́xṇtə. דאָס זיינען אָבער אַזעלכע זעלטנהייטן אַז זיי שטעלן מיט זיך פאָר יוצא⸗מן⸗הכלל וואָס קומען לערנען אויפן כלל.

אויך אין קלאַסישן לשון קודש שפּרינגט דער טראָפּ: ʔalmɔ̄́n — ʔalmɔ̄nɔ̄́; talmī́ð — talmīðī́m, šɔ̄xḗn — šəxēnī́m, און אַזוי אויך אין מאָדערנעם העברעאישן אַרויסרייד, פּונקט ווי אין דער ספרדישער הברה פון וועלכער ער איז אַן אויסוואוקס: almán — almanā́; talmíd — talmidím, šaxén — š(ə)xením. נאָר וואָס, דאָרטן שפּרינגט דער טראָפּ פון: מלרע אויף מלרע, בעת אין סעמיטישן חלק פון יידיש, און אין די נוסחאות פון אַשכנזיש וואָס גייען מיט מיט יידיש אין אָט דעם פּרט, שפּרינגט דער טראָפּ: מלעיל אויף מלעיל. דער צד השווה שבהן, ס'איז אַ גרענעץ אַקצענטירונג סיי דאָ, סיי דאָ, אלא וואָדען, עס גייט די רייד וועגן אַן אַנדער גרענעץ.

III

## פיר שיטות

פאַראַן אין דער יידישער פילאָלאָגיע פירערליי דערקלערונגען אויפן אורשפּרונג פונעם מלעיל ביי די אַשכנזים.

די ערשטע שיטה האַלט טאַקע אַז דאָ זעט זיך די השפּעה פון דייטש, אָדער ריכטיקער געזאָגט געוואָרן, די ווירקונג פונעם מעכטיקן גערמאַנישן חלק וואָס אין יידיש אויפן אָן⸗אַ⸗שיעור⸗קלענערן סעמיטישן חלק. פאַרשידענע נוסחאות פון דער שיטה האָבן געבראַכט שיינעאַנו (1889: 56), ווינער (1894: 178), סאַפּיר (1915: 264-265), פישער (1936: 4-5 = בן⸗נון 1973: 4-5; 1951: 141-142), זיסקינד (1953: 104-105), און לייבל (1965).

אַ צווייטע שיטה האַלט אַז די אַשכנזים האָבן דעם מלעיל זייערן מיטגעבראַכט נאָך פונעם אַלטן מזרח, אַז מ'האָט אים פאַרטיקערהייט אַריינגעטראָגן אין אייראָפּע. דאָס הייסט אַז מ'איז זיך דאָ משער אַז אַן אַלטער מלעיל נוסח פון לשון קודש און אַראַמיש האָט זיך אין יידיש אויפגעהיט, אַ נוסח וואָס איז מדעיקרא אַנדערש איידער די אָנגענומענע מסורה וואָס איז פאַראייביקט געוואָרן דורכן קלאַסישן ניקוד פון די בן⸗אשרס אין טבריה, וואו די אַקצענטירונג פון אַ וואָרט ווערט גענוי פאַרצייכנט דורך די טראָפּ⸗צייכנס (די טעמים) וואָס ווייזן אָן אַוואו עס שטייט דער טראָפּ אין אַ וואָרט (אין צוגאָב צו זייערע סינטאַקטישע און מוזיקאַלישע פונקציעס). מתתיהו מיזעס (1924: 301) און מ. צ. סגל (1928: 75) האָבן געבראַכט

ראיות פֿון אָריענטאַלישע יידן ביי וועמען ס'איז אויך פֿאַראַן דער מלעיל, און ביי וועמען עס איז ניט געווען קיין גרעסערער קאָנטאַקט מיט אַשכנזים וואָס זאָל קענען באַטראַכט ווערן ווי אַ פּאָטענציעלער גורם (אַ ריי [illegible] ברענגט אידעלסאָן, 1913).

נאָך מיט קאַרגע הונדערט יאָר פֿריער, האָט שד"ל אָנגעוויזן אויף מלעיל פּאַראַלעלן ביי ניט־יידן, אינעם קריסטלעכן מערבֿדיקן סיריאַקיש, וואָס שטייט נאָענט גענעטיש מיטן יידישן אַראַמיש (לוצאַטאָ 1830: 95). די עקזאָטישסטע סעמיטישע טעאָריע האָט גאָר פֿאָרמולירט מאַקס ווײַנרײַך, אַז דער מלעיל ביי די אַשכנזים איז אַ פּועל־יוצא פֿון זיין פּאָסטולירטן „בבֿלישן רענעסאַנס" אין אַשכנז אין דרייצנטן יאָרהונדערט. ער טענהט אַז בבֿלישע מלמדים האָבן דעם מלעיל דעמאָלט אַריינגעטראָגן אין אַשכנז (מ. ווײַנרײַך 1963-1964: 326-327; 1973: II, 32-33). דאָס איז איינע פֿון די ניט־פֿאַרענטפֿערטע פֿראַגעס אין דער היסטאָרישער יידישער פֿאָנאָלאָגיע וואָס ער האָט צוגעשריבן דעם „רענעסאַנס" (פֿגל. קאַץ 1991א: 48).

אַ דריטע שיטה, טשעמערינסקיס, זעט דאָ סלאַווישן איינפֿלוס, פּינקטלעכער גערעדט, אַ השפּעה פֿון פּויליש וואו דער טראָפּ פֿאַלט אויך אויפֿן פֿאַרלעצטן טראַף. די השערה האָט אָבער קיין אריכת ימים ניט געהאַט: זי איז באַלד אויף אַן אָרט צעשטערט געוואָרן, דאָרטן וואו זי איז דערשינען, אין ש. ניגערס ווילנער פּנקס (טשעמערינסקי 1913). אין זיין תשובה טשעמערינסקין, האָט באָראָכאָוו ריכטיק אָנגעוויזן אַז דעם מלעיל טרעפֿט מען ביי אַלע אַשכנזים, בתוכם די דייטשישע, די ביימישע, די אוקראַינישע יידן, אַקיצור: אין אַלערלייאיקע מקומות וואו קיין פּויליש האָט מען קיינמאָל ניט גערעדט (באָראָכאָוו 1913: 77).

אַ פֿערטע שיטה האַלט אַז דער מלעיל איז אין אַשכנז גופֿא ספּאָנטאַן אויפֿגעקומען ווי אַן אומאָפּהענגיקע, איינגאַרטיקע דערשיינונג. אַזוי האָט געהאַלטן דער וועלט־באַוואוסטער לינגוויסט יאַקאָבסאָן (1953: 75-76), וועלכער האָט דאָ געזען די האַנט פֿון אוניווערסאַלע שפּראַכיקע נטיות, לויט וועלכע אַ טראָפּ ביים סאַמע גרענעץ פֿון אַ וואָרט (עלעהיי: מלרע) איז נוטה זיך איבערצורוקן אויף אַ נייעם אָרט אינמיטן וואָרט (עלעהיי: מלעיל), דאָרטן וואו עס ווערן צעשטערט די איינגעשטעלטע צווישן־שייכותן צווישן דעם אַקצענט פֿון וואָרט פֿון איין זייט, און וואָקאַלישער לענג אין באַטאָנטע און אומבאַטאָנטע טראַפֿן פֿון דער אַנדערער זייט. די אַלטע העברעאישע צווישן־שייכותן זיינען טאַקע ריכטיק צעשטערט געוואָרן. אין דער קלאַסישער העברעאישער פֿאָנאָלאָגיע, זיינען וואָקאַלן אין אומבאַטאָנטע טראַפֿן תמיד לאַנג ווען דער טראַף איז אָפֿן, תמיד קורץ ווען ער איז פֿאַרמאַכט (אָפּטמאָל ווערט ער פֿאַרמאַכט דורך אַ פֿאַרטאָפּלטן קאָנסאָנאַנט). אַכלל, די אַמאָליקע פֿאַרהעלטענישן זיינען אין יידיש לחלוטין ניט בנמצא. איז ניט באַקומט זיך, ווערדליק יאַקאָבסאָנס אוניווערסאַליסטישער שיטה, אַז אַן איבעררוק פֿון מלרע אויף מלעיל איז אין אָט אַזאַ מין פֿאַל אַ דערשיינונג וואָס אויף איר קען מען זיך גאָר ריכטן.

שלמה בירנבוים איז אויך דערגאַנגען, מיט גאָר אַן אַנדער וועג, צו אַן ענלעכער מסקנה. זעלטן, גאָר זעלטן, וואָס בירנבוים האָט אין גאַנג פֿון זיין לאַנגן, פּרוכפּערדיק־שעפֿערישן לעבן געביטן זיינע אַן איינשטעלונג צו עפּעס וואָס (פֿגל. קאַץ 1991ב). גראַדע ביי דער פֿראַגע מכח דעם טראָפּ האָט זיך געמאַכט אַזאַ מין אויסנאַם, נאָר אַפֿילו דאָ האָט ער אָנגעהויבן און געענדיקט ביי דער זעלביקער השערה, דהיינו אַז דער מלעיל איז אין יידיש גופֿא אויפֿגעקומען. אָט אַזוי האָט ער שוין געגעבן אָנצוהעעריניש אין זיין גראַמאַטיק (1918: 25). מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, האָט ער געהאַלטן אַז אַן אַלטער, סעמיטישער אָבער ניט־טבריהנישער מלעיל האָט זיך אין יידיש דערהיט (1922: 17-18). די אָנהענגער פֿון אַ גערמאַנישן אורשפּרונג האָבן אים דערפֿאַר קריטיקירט (פֿייסט 1923: 141; בן־נון 1973: 264). ער האָט זיך אַ לענגערע צייט געהאַלטן ביי אַ סעמיטישן אורשפּרונג, טענהנדיק אַז אַ סיסטעם שורש אַקצענטירונג (ווי אויף דייטש און אין גערמאַנישן קאָמפּאָנענט וואָס אין יידיש), איז פּרינציפּיעל ניט בכח צו דערפֿירן צו אַ גרענעצדיקער סיסטעם (עלעהיי מלעיל), וואָס זי אַליין פֿאַרמאָגט דאָך ניט (בירנבוים 1929: 274; 1932: 121; 1943: 600). אין זיין לעצטן, כוללדיקן ווערק, האָט ער זיך אָבער אומגעקערט צו דער יוגנטלעכער מיינונג און בשעת מעשה אַוועקגעשטעלט אַ תיקו: „דעם איבעררוק פֿונעם טראָפּ מוז מען דעריבער האַלטן פֿאַר אַן אומאָפּהענגיקער אַנטוויקלונג אין תחום פֿון אַשכנז גופֿא. ווען און ווי אַזוי ס'האָט זיך פֿאַרלאָפֿן דאַרף מען זיך ערשט דערגרונטעווען" (1979: 66).

## IV

# דער באַשייד

דעם יידישן פֿילאָלאָג איז גוט, וואָס דעם ווייטסטן עבֿר פֿון דער שפּראַך קען מען רעקאָנסטרואירן, אין זכות פֿון דעם וואָס אין יידיש ווערט אַזוי טיף צוזאַמענגעפֿלאָכטן דער שפּראַכיקער חומר פֿון סאַמע אַנדערשדיקע קוואַלן.

אויפֿן סמך פֿון יידיש האָב איך פֿאָרגעשלאָגן די טראַנס⸗קאָמפּאָנענטישע רעקאָנסטרוקציע, וואָס בויט זיך אויף אַ פֿאַרגלייך צווישן שייכותדיקע שטריכן ביי די פֿאַרשידענע קאָמפּאָנענטן אין אַן אײנאײנציקער שפּראַך (קאַץ 1982: 314-182; 1987א: 51). דער מעטאָד פֿאַרנעמט אַ טעאָרעטישן מיטלפּונקט צווישן קאָמפּאַראַטיווער רעקאָנסטרוקציע (צווישן צוויי, אָדער מער ווי צוויי, שפּראַכן) און אינערלעכער רעקאָנסטרוקציע (צווישן צוויי, אָדער מער ווי צוויי, טיילן פֿון איין שפּראַך).

צו דער טראַנס⸗קאָמפּאָנענטישער רעקאָנסטרוקציע נעמט מען פֿאַר רויוואַרג ניט ווערטער סתּם נאָר די „געלייטערטע רעזולטאַטן" פֿון די טראַדיציאָנעלע מינים רעקאָנסטרוקציע. ביי די אַלע מעטאָדן שפּילן אַ יסודותדיקע ראָלע סיי די רעגלמעסיקע („דערוואַרטע") קאָרעספּאָנדענצן, סיי די יוצא⸗דופֿנדיקע. יעדער „אויסנאַם" — צי אין ראַם פֿון די אַנדערע פֿאָרמעס פֿון דער אייגענער שפּראַך צי אין ראַם פֿון די „אַלגעמיינע" קאָרעספּאָנדענצן מיט דער שייכותדיקער גענעטיש⸗נאָענטער שפּראַך — קומט אַנטפּלעקן אַ סוד; אונדזער פֿאַרמעסט דאַרף עס זיין דעם סוד צו דערגיין. צו דער מעטאָדאָלאָגיע איז וויכטיק אַרויסהייבן, אַז די אַנאַלאָגיעס מיט די אַנאָמאַליעס דאַרף מען תּמיד נאָכלויפֿן „סתּם", פֿון תּורה לשמה וועגן, ניט וויסנדיק וואוהין די זוכענישן וועלן דערפֿירן.

פֿאַראַן אין יידיש אַ סעריע ווערטער, וואו עס הערט זיך אַ קורצער ɛ אין באַטאָנטע אָפֿענע טראַפֿן אין אַלע דיאַלעקטן. פֿון מוסטער וועגן ווערן אין טאַבעלע 1 געבראַכט זעקס דוגמאות פֿון צוויי מזרחדיקע דיאַלעקטן (צפֿון⸗מזרח יידיש — „ליטוויש" און צענטראַל⸗מזרח יידיש — „פּויליש") און צוויי מערבֿדיקע (צפֿון⸗מערבֿ — „האָלענדיש", און דרום⸗מערבֿ — „עלזאַסיש").

| | ליטוויש | פּויליש | האָלענדיש | עלזאַסיש |
|---|---|---|---|---|
| אלול | έləl | έləl | έləl | έləl |
| אמת | έməš | έməš | έməš | έməš |
| גרעסער | grέšər | grέšə(r) | grέšər | grέšər |
| היתר | hέtər | hέtə(r) | hέtər | hέtər |
| עסן | έšn̩ | έšn̩ | έšn̩ | έšə |
| עפּן | έfn̩ | έfn̩ | ɛfn̩ | ɛfə |

טאַבעלע 1

אין האָלאַנד טרעפֿט מען אגבֿ פּאַראַלעלע פֿאָרמעס מיט אַ קורצן i וואָקאַל: íməš וכו' (זע ביים 1970: 19, נ. 17; קאַץ 1983: 1028-1027).

פֿאַראַן ווידער אַן אַנדער סעריע, אילוסטרירט אין טאַבעלע 2, וואו בלויז ליטוויש האָט אַן ɛ, און אַנדערע דיאַלעקטן האָבן אַ לאַנגן וואָקאַל אָדער דיפֿטאָנג:

| | ליטוויש | פּויליש | האָלענדיש | עלזאַסיש |
|---|---|---|---|---|
| בגד | bɛ́gəd | béjgət | bɛ̄́gət | bɛ̄́gət |
| בעזעם | bɛ́zəm | béjzəm | bɛ̄́zəm | bɛ̄́zəm |
| חסד | xɛ́šəd | xéjšət | xɛ̄́šət | xɛ̄́šət |
| רגע | rɛ́gə | réjgə | rɛ̄́gə | rɛ̄́gə |
| לעבן | lɛ́bm̩ | léjbm̩ | lɛ̄́bən | lɛ̄́bən |
| נעפּל | nɛ́pl̩ | néjpl̩ | nɛ̄́pəl | nɛ̄́pəl |

טאַבעלע 2

אגבֿ איז דאָס דער וואָקאַל וואָס אין טיילן פֿונעם דרומדיקן מזרח⸗אייראָפּעאישן יידיש (און בפֿרט אין דרום⸗מזרח יידיש — „אוקראַיניש") האָט מען אים אַרויסגערעדט „אויפֿן חיריק", ד.ה. i אָדער ī, נאָר שוין פֿרי אין איצטיקן יאָרהונדערט זיינען די „חיריק יידן" וואָסאַמאָל מער אַריבער אויפֿן אַלגעמיין⸗דרומדיקן ej (זע פּרילוצקי 1920: 17-28; 1921: 258; הערצאָג 1969: 62-64). אויך אין מערבֿ יידיש (און בפֿרט אין צענטראַל⸗מערבֿ יידיש) זיינען געווען אַזעלכע ī רעאַליזירונגען (זע קאַץ 1986: 22).

אַז מ'באַטראַכט נאָר און בלויז ליטוויש (צי דעם כלל⸗יידישן אַרויסרייד וואָס בויט זיך אויף ליטוויש), זעט זיך מערניט אַן אײנאײנציקער וואָקאַל (ɛ) אין אַלע צוועלף דוגמא ווערטער. באַלד אַז מ'נעמט אין קאָן אַריין אַנדערע דיאַלעקטן ווערט קלאָר אַז די אידענטישקייט איז גאָרנישניט כאַראַקטעריסטיש פֿאַר יידיש בכלל; די צוויי סעריעס האָבן באַזונדערע וואָקאַלן אין אַ ל ע אַנדערע דיאַלעקטן.

אַזאַ מין בילד לאָזט זיך רעקאָנסטרואירן אויף צוויי אופֿנים: אָדער עס איז אַמאָל געווען איין וואָקאַל וואָס האָט זיך אין די ניט⸗ליטווישע דיאַלעקטן צעשפּאָלטן, אָדער פֿאַרקערט, עס זיינען פֿון תּמיד אָן געווען צוויי וואָקאַלן וואָס האָבן זיך אין ליטווישן יידיש צונויפֿגעגאָסן. צווישן די ביידע ברירות איז גאָרניט שווער צו פּסקענען לטובֿת — דער צווייטער.

ערשטנס: ווען אין אַלע דיאַלעקטן פֿון אַ שפּראַך ווייזט זיך אַרויס אַ סיסטעמאַטישע דיפֿערענצירונג און אין אַן אײנאײנציקן דיאַלעקט איז די⸗אָ דיפֿערענצירונג ניטאָ פֿאַראַן, איז עס אַפּריאָרי, מן הסתּם, דער פֿאַל, אַז אין דעם אײנאײנציקן דיאַלעקט האָט זיך פֿאַרלאָפֿן אַ צונויפֿפֿאַל. נאָר וואָס, דאָ גייט אין סטאַטיסטישע טענדענצן, ניט אין

קיין ריכטיקער ראיה צו דער זאַך. דאַרף מען גיין ווייטער.

צווייטנס: ביי אַ צעגאָפּלונג זעט זיך די גורמדיקע פאָנעטישע סביבה. דאָ זעען מיר מערניט אַן איינאיינציקע סביבה: באַטאָנטער אָפענער טראַף. נמצא אַז מ׳האָט דאָ צו טאָן מיט אַ צונויפגוס (צונויפגוסן טרעפט מען אָפט כוללדיקע, אָן גורמדיקע סביבות).

דריטנס: מבחינדיקע וואָקאַלישע לענג איז פאַראַן אין די אַנדערע דיאַלעקטן (רעאַליזירט צומאָל פאָנעטיש אינעם קאָנטראַסט געשפּאַנט ~ אומגעשפּאַנט), און אין ליטוויש איז זי ניטאָ; פגל. למשל פויליש zīn 'זון (מיט אַ טאָכטער')' ≠ zin 'זון (און די לבנה)' קעגנאיבער ליטוויש zun = zun. לאָזנדיק אָן אַ זייט קאָרעספּאָנדירנדיקע ווערטער, און קוקנדיק אויף דער סיסטעם וואָקאַלן אַבסטראַהירטערהייט, זעט זיך דאָס אייגענע; פגל. פויליש a כנגד ā אין דן (ויין) לגבי דיַן. ליטוויש האָט נאָר אַן איינאיינציקע \a\ פאָנעם. אָט אַזוי זעט אוים די זאַך ביי דער וואָקאַלישער סיסטעם פון יידיש גאַנצערהייט: אין ליטוויש האָבן זיך צונויפגעגאָסן לאַנגע מיט קורצע וואָקאַלן (זע א. ווײַנרייך 1958: 254).

קערן מיר זיך אום צו די צוועלף דוגמא ווערטער, זעען מיר אַז מ׳האָט דאָ צו טאָן מיט צ ו ו י י היסטאָרישע וואָקאַלן וואָס זיינען אין די ניט=ליטווישע דיאַלעקטן געבליבן באַזונדערע. דער (כמעט) אוניווערסאַלער קורצער ε אין דער ערשטער סעריע (אלול, אמת, גרעסער, היתר, עסן, עפן) הייסט אין מאַקס ווײַנרייכס קדמון סכעמע $E_1$ אָדער (לויט אוריאל ווײַנרייכס צוויי=ציפערדיקער באַצייכענונג): וואָקאַל 21. אין דער צווייטער סעריע (בגד, בעזעם, חסד, רגע, לעבן, נעפּל) איז פאַראַן די דיאַפאָנעם: צפון=מזרח ε || צענטראַל=מזרח ej || צפון=מערב און דרום=מערב ē. אָט די דיאַפאָנעם הייסט $E_5$ אָדער: וואָקאַל 25 (צו דער סיסטעמאַטיזירונג, זע מ. ווײַנרייך 1960: 70; 1973: II, 344, 359-361; הערצאָג 1965: 228, הערה 1; קאַץ 1983: 1021-1024). די געאָגראַפישע גרענעצן צווישן די רעאַליזירונגען זיינען קאַרטאָגראַפיש געצייכנט געוואָרן דורך ווילענקין (1931: קאַרטעס 7-8); בעראַנעק (1965: קאַרטע 72); הערצאָג, ווײַנרייך און באַוויסקאַר (1992: קאַרטע 25).

אַריבערגייענדיק פון אינערלעכער רעקאָנסטרוקציע (אין דעם פאַל: דאָס איזאָלירן צוויי דיאַפאָנעמען לויט דער עווידענץ פון די יידישע דיאַלעקטן גופא) אויף קאָמפּאַראַטיווער רעקאָנסטרוקציע — דאָס אַריינגעמען אין קאָן אַריין די גענעטיש=נאָענטע שפּראַכן — ווייזט זיך אַרויס, קודם כל, אַז ביי דיביידע סעריעס ווערט פאַרטראָטן אי דער סעמיטישער אי דער גערמאַנישער קאָמפּאָנענט. דער ווייטערדיקער שטאַפּל אין דער קאָמפּאַראַטיווער רעקאָנסטרוקציע באַשטייט אין פאַרגלייכן מיט די קאָרעספּאָנדירנדיקע ווערטער אין די קרובהשע שפּראַכן. די יענע פאָרמעס אין גערמאַנישן קאָמפּאָנענט וואָס האָבן די לאַנגע וואָקאַלן, ענטפערן אַמאָפּטסטן מיטל=הויך=דייטש <ë> (פגל. בעזעם, בעטן, וועטער, טרעטן, לעבן, נעפּל, פעדער און מ.ה.ד. bëšeme, bëten, wëter, trëten, lëben, nëbel, vëder). צו די סעמיטיזמען בגד, דרך, חסד, טבע, פלא, קרן, רגע וכו׳, וואָס געהערן דער זעלביקער דיאַפאָנעם, זיינען די קלאַסישע העברעאישע קאָרעלאַטן: בֶּגֶד [bέɣɛð], דֶּרֶךְ [dέrɛx], חֶסֶד [ḥέšɛð], טֶבַע [ṭέvaʕ], פֶּלֶא [pέleʔ], קֶרֶן [qέrɛn], רֶגַע [rέɣaʕ]. דער לשון=קודשדיקער סגול שטעלט מיט זיך פאָר דעם אָפענעם ε. די גערמאַניסטיק איז זיך משער אַז אויך מ.ה.ד. <ë> איז געווען אַן ε (זע למשל פּענצל 1957: 471; ראָס 1978: 73-74). זעט זיך, הייסט דאָס, אַן אידענטישע פאָנאָלאָגישע געשיכטע אין תחום פון יידיש גופא, אַ געגליכענע פאָנעטישע געשטאַלטיקונג אין דיביידע קרובהשע שפּראַכן וואָס זיינען דאָ שייך. דאָס איז אַלץ חומר אויף אַריבערצוגיין אויף טראַנס=קאָמפּאָנענטישער רעקאָנ=סטרוקציע.

אַז מ׳נעמט אין באַטראַכט די גערמאַנישע און סעמיטישע פאַקטן, אַז אַמאָל אַמאָל, האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ פ אַ ר ל ע נ ג ע ר ו נ ג פונעם וואָקאַל אין אָפענע באַטאָנטע טראַפן, דהיינו דער פּראָצעס:

[+ טראָפּ]

וו ← [+לאַנג] \ ___|

וואו וו = וואָקאַל און | = דער טראַף גרענעץ.

אויף אָפּצולערנען ווייטער דאַרף מען אויסזוכן פאַלן וואָס פּאַסן זיך נ י ט אַריין אין די פאַראַנענע סיסטעמען רגילותן, און דערגרונטעווען זיך צו זייער סימן מובהק. אויף אָט אַזעלכע פאַלן האָבן מיר זיך שוין אָנגעשטויסן אין דער ערשטער סעריע דוגמאות (אלול, אמת, גרעסער, היתר, עפן, עסן). אין די גערמאַניזמען אין דער סעריע (גרעסער, עפן, עסן), איז די פּאָטענציעלע פאַרלענגערונג פאַרשטערט געוואָרן דורך קאָנסאָנאַנטישער „שווערקייט" (אָדער פאַרטאָפּלונג אָדער סתם „שווערע" קאָנסאָנאַנטן וואָס פאַרשטערן פאַרלענגערונג). אַפּריאָרי זעט זיך אָבער ניט אַזוינס ביי די סעמיטישע דוגמא ווערטער (אלול, אמת, היתר), און ביי אַנדערע וואָס מ׳קען מוסיף זיין, בתוכם: אדום, אמור (די פרשה), היזק, היסב(=בעט). פשוט גערעדט: אויב בגד, חסד, רגע וכו׳ זיינען פאַרלענגערט געוואָרן אין באַטאָנטע אָפענע טראַפן (וואָקאַל 25), פאַרוואָס זשע איז געבליבן קורץ דער וואָקאַל אין אדום

[ɛ́dəm], אלול [ɛ́ləl], אמור [ɛ́mər], אמת [ɛ́məš], היזק [hɛ́zək] , הסב(־בעט) [hɛ́šəbɛt], היתר [hɛ́tər], די קלאַסישע קאָרעלאַטן זיינען: אֱדוֹם [ʔɛ̆ðṓm], אֱלוּל [ʔɛ̆lū́l], אֱמוֹר [ʔɛ̆mṓr], אֱמֶת [ʔɛ̆méθ], הֶזֵּק [hɛzzḗq], הֶסֵּב [hɛššḗv], הֶתֵּר [hɛttḗr]. איז דריי זאַכן זעט מען.

ערשטנס: טייל פון די קלאַסישע געשטאַלטן (אדום, אלול, אמור, אמת) האָבן חטף־סגול.

צווייטנס: ביי די אַנדערע (היזק, הסב, היתר) איז פאַראַן אַ פאַרטאָפּלטער קאָנסאָנאַנט נאָכן סגול.

אין קלאַסישן העברעאיש דינען די ביידע זאַכן דעם זעלביקן העכערן פאָנאָלאָגישן צוועק: אָפּצוהיטן די סילאַבישע סטרוקטור פון דער שפּראַך וואָס פאָדערט אַז אין אַן אומבאַטאָנטן פאַרמאַכטן טראַף זאָל זיין אַ קורצער וואָקאַל (אין אַן אומבאַטאָנטן אָפענעם טראַף, קען זיך יאָ טרעפן אַן אולטראַ־קורצער וואָקאַל, עלעהיי דער חטף־סגול). צו יידיש איז דאָס אַלץ ווייניק שייך, אויב מ׳זאָל ריידן פון דירעקטער שייכות. חוץ דעם איז ניטאָ קיין איינאיינציקער צד השווה, וויבאַלד דאָ גייט ביי טייל ווערטער אין איין פאָנאָלאָגישן שטריך, ביי טייל ווערטער אין גאָר אַן אַנדערן.

דער דריטער שטריך, וואָס איז מי יודע ווי וויכטיק לגבי יידיש, איז דער ריכטיקער צד השווה ביי די אַ ל ע סעמיטיזמען וואָס באַווייזן זיך מיט וואָקאַל 21, דהיינו: די אַ ק צ ע נ ט י ר ו נ ג, ס׳איז מלרע (להיפּוך צו בגה, דרך, חסד וכו׳ וואו דער טראָפּ פאַלט מלעיל ש ו י ן א י ן ל ש ו ן ק ו ד ש). דערפון איז געדרונגען, אַז בעת עס האָט זיך פאַרלאָפן אין אַשכנז די פאַרלענגערונג פון קורצע וואָקאַלן אין באַטאָנטע אָפענע טראַפן (וואָס איז חל געווען סיי אויפן גערמאַנישן סיי אויפן סעמיטישן קאָמפּאָנענט), איז דער טראָפּ ביי די סעמיטיזמען נאָך דעמאָלט געווען — מלרע. דערפאַר האָבן זיך אדום, אלול, אמור, אמת „אויסבאַהאַלטן" פון דער פאַרלענגערונג (ביי הסב, היזק, היתר וואָלט די סעמיטישע פאַרטאָפּלונג אַ סברא פאַרהיט פון פאַרלענגערונג אויב די פאַרטאָפּלונג, וואָס ווערט באַצייכנט מיטן דגש חזק, איז נאָך דעמאָלט חל געווען; דאָס איז אַן אַנדער פרשה; זע קאַץ 1993).

די שייכותדיקע טראַפן אין אדום, אלול, אמור זיינען דעמאָלט נאָך געווען אומבאַטאָנט, אַניט וואָלטן זיי דאָך אויכעט פאַרלענגערט געוואָרן. אַ רעלאַטיווע כראָנאָלאָגיע פון די טיפן אלול, אמת און, פון פאַרגלייך וועגן, די טיפּן בגד, חסד ווערט געבראַכט אין טאַבעלע 3. קאָנסאָנאַנטישע איכותן, וואָס זיינען דאָ ניט שייך, ווערן נאָרמאַליזירט.

נאָך דער לעצטער אָנגעוויזענער סטאַדיע איז דער ווייטערדיקער פאָנעטישער גורל פון יעדן וואָרט שוין אַ פראַגע אין תחום פון דער געשיכטע פון יעדן דיאַלעקט פאַר זיך (למשל, bɛ̄́gəd ווערט סוף כל סוף béjgət אין פוילישן יידיש, bɛ́gəd אין ליטווישן, וכו׳).

דער סעמיטישער טראָפּ, וואָס איז אין יידיש אַריין, איז אַזוי אַרום געווען מלרע אָט אַזוי ווי אין קלאַסישן לשון קודש און אַראַמיש. ביי אַ געוויסן פונקט אין דער געשיכטע פון יידיש — נ אָ ך דער פאַרלענגערונג אין באַטאָנטע, אָפענע טראַפן — האָט זיך דער טראָפּ איבערגערוקט אויף מלעיל. דאָס קען מען אויסטייטשן סיי דורך גערמאַנישער השפּעה (גיכער), סיי דורך אַ יאַקאָבסאָנישער אוניווערסאַליסטישער טענדענץ (מעגלעך אָבער ניט מכריעדיק, ווי ס׳איז צו זען קלאָר פון די אַלע ניט־אַשכנזישע עדות וואָס האָבן אויפגעהיט דעם מלרע כאָטש געמינירטע קאָנסאָנאַנטן און לאַנגע וואָקאַלן האָבן זיי מיט לאַנגע דורות צוריק אָנגעוואָרן). די טעאָריעס פון ירשונג פון דער מזרח תקופה פאַלן אַראָפּ.

| | אלול | אמת | בגד | חסד |
|---|---|---|---|---|
| קדמון יידיש: | *ɛlū́l | *ɛmés | *bégɛd | *xésɛd |
| פאַרלענגערונג אין באַטאָנטע אָפענע טראַפן: | — | — | bɛ̄́gɛd | xɛ̄́sɛd |
| איבעררוק פון טראָפּ: | ɛ́lul | ɛ́mɛs | — | — |
| פאַרטונקלונג פון וואָקאַלן נאָכן טראָפּ: | ɛ́ləl | ɛ́məs | bɛ̄́gəd | xɛ̄́səd |

טאַבעלע 3

V

## די מיסטעריעזע ā וואָקאַלן

אין זיין וויכטיקער דאָקומענטירונג פון אויסטערלישע, מיסטעריעזע ā קלאַנגען אין טיילן פון צענטראַל־מזרח יידיש, האָט שמואל־דוד ווייס (1971: 67) געבראַכט, אַחוץ דוגמאות וואו די לאַנגקייט לאָזט זיך דערקלערן דורך דעם ווייטערדיקן קאָנסאָנאַנט (אַשטייגער: כתב, נאַר); אַחוץ פאַלן פון אַ היאַטוס געשאַפן פון אַ קאָנסאָנאַנטאַלן אָנווער (מרשעת, משוגעת); אַחוץ נייע ווערטער (אָריגינאַל, פּאַראַד); אַחוץ דעם אַלעמען איז ביי ווייסן פאַראַן אויך איין ביישפּיל וואו די לאַנגקייט פונעם וואָקאַל איז אַן אַלטער נשאר אין דער געשיכטע פון יידיש: דאָס וואָרט פּתח (נאָמען פון דער נקודה). מ׳קען צוגעבן: יין, יחץ (ביים סדר), ירושלים, לחש, נחת, און פּחד. דעם אמת געזאָגט, שטייען j און x אויך אונטער אַ חשד פון זיין ביכולת דעם פריערדיקן וואָקאַל צו פאַרלענגערן, בפרט אין דיאַלעקטן וואָס ווייזן במילא אַרום אַזאַ נטיה, אַזוי אַרום אַז פּתח בלייבט פאָרט דער בעסטער ביישפּיל. דער צד השווה ביי זיי אַלע איז אָבער די פאָנאָלאָגישע שכנות אין קלאַסישן העברעאיש גופא. אין די אַלע ווערטער טרעפט זיך דער וואָקאַל אין באַטאָנטן אָפענעם טראַף — פונקט ווי אין בגד, חסד, רגע ביים סגול. דערפאַר טרעפן זיך ירושלים, לחש, נחת, פּחד, פּתח מיט אַ לאַנגן ā אין ט י י ל דיאַלעקטן פון יידיש, בעת חמור, חזיר, כלה, ממש, שבת, טרעפן זיך נאָר און בלויז מיט אַ קורצן a איבער גאַנץ יידיש. דער פאַרגלייך מיט די העברעאישע עטימאָנען איז שטרענג אַנאַלאָגיש מיטן סגול. ביי טייל פון די ווערטער מיטן אוניווערסאַלן קורצן a איז דאָ חטף־פּתח (חֲזִיר [ḥăzī́r], חֲמוֹר [ḥămṓr]), ביי אַנדערע איז דאָ נאָכן פּתח אַ פאַרטאָפּלטער קאָנסאָנאַנט, וואָס ווערט באַצייכנט מיטן דגש חזק, וואָס האָט אַמאָל אין העברעאיש פאַרמאַכט דעם טראַף (כַּלָּה [kallṓ], מַמָּשׁ [mammṓš], שַׁבָּת [šabbṓθ]). דער צד השווה שבהן: דער וואָקאַל איז לכתחילה געשטאַנען אין אַן אומבאַטאָנטן טראַף, אַ סימן אַז דער טראָפּ האָט זיך איבערגערוקט אויף מלעיל נ אָ ך דער פאַרלענגערונג פון קורצע וואָקאַלן אין אָפענע טראַפן. אין ירושלים, לחש, נחת, פּחד, און פּתח, איז דער טראָפּ שוין געווען מלעיל אין לשון קודש. אונדזער יידישער פּתח קען ניט שטאַמען פון פַּתָּח [pattṓḥ], אַניט וואָלט געווען אויף יידיש pátəx, און אַזאַ פאָרמע איז דאָך ניטאָ. דער אבי־אבות פון יידישן פּתח [pášəx] קען נאָר זיין: פַּתַח [páθaḥ].

די רעלאַטיווע כראָנאָלאָגיע ווערט געבראַכט אין טאַבעלע 4.

אויך דאָ, איז אַלדאָס איבעריקע שוין שייך צו דעם אָדער יענעם דיאַלעקט (למשל, דער איבערגאַנג אויף ɔ אין טיילן דרום־מזרח יידיש: xɔ́mər; דאָס אָנווערן די לאַנגקייט פונעם a אין אַ ריי דיאַלעקטן: pášəx).

די לאַנגע ā רעשטלעך אין ירושלים, לחש, נחת, פּחד, פּתח זיינען לויטן סטרוקטורעלן מהות זייערן מדעיקרא טאַקע געגליכן צו די פאַרלענגערטע e וואָקאַלן וואָס אין בגד, חסד, רגע וכדומה. גאָר אַנדערש איז אָבער זייער ג ו ר ל אין די יידישע דיאַלעקטן. די e קאָרעלאַציעס האַלטן זיך פעסט (21 כנגד 25) צווישן ביידע קאָמפּאָנענטן אין איטלעכן יידישן דיאַלעקט (אַחוץ ליטוויש וואו זיי זיינען צוזאַמענגעפאַלן). פאַרקערט, די לאַנגע ā וואָקאַלן אין סעמיטישן קאָמפּאָנענט זיינען אינאיינעם געגאַנגען מיט זייערע גערמאַנישע קאָרעלאַטן (a אין באַטאָנטן אָפענעם טראַף) נאָר און בלויז אין דרומדיקן מערב יידיש: נחת, פּחד מיטן זעלביקן ā וואָקאַל וואָס אין זאָגן, נאָמען (nā́xəš, pā́xət, zā́gə, nā́mə).

אין די אַנדערע דיאַלעקטן איז דער לכתחילה קורצער a אין גערמאַנישן קאָמפּאָנענט, אין באַטאָנטן

| | חזיר | חמור | לחש | פּתח |
|---|---|---|---|---|
| קדמון יידיש: | *xazī́r | *xamṓr | *láxaš | *pásax |
| פאַרלענגערונג אין באַטאָנטע אָפענע טראַפן: | — | — | lā́xaš | pā́sax |
| איבעררוק פון טראָפּ: | xázīr | xámōr | — | — |
| פאַרטונקלונג פון וואָקאַלן נאָכן טראָפּ: | xázər | xámər | lā́xəš | pā́səx |

טאַבעלע 4

אָפּענעם טראַף (וואָקאַל 13, דער טיפּ זאָגן, נאָמען), געקײַלעכט געוואָרן און צוזאַמענגעפאַלן מיט וואָקאַל 12 (דער טיפּ אָוונט, בלאָזן). די אײנצלנע ווערטער מיטן לאַנגן סעמיטישן ā האָבן זיך געוואַלגערט ווי פאַרלאָרענע שעפעלעך אין דער מדבר און האָבן זיך מתיחד געווען, פאָנאָלאָגיש גערעדט, מיט „וועמען עס האָט זיך געלאָזט" אין איטלעכן דיאַלעקט באַזונדער (זע קאַץ 1991א: 63-65).

צום איצטיקן ענין איז שײך אײן זאַך נאָר: וואו נאָר יענער לאַנגער ā טרעפט זיך אין די אָנגעוויזענע ווערטער אין די ייִדישע דיאַלעקטן, טרעפט ער זיך נאָר און בלויז דאָרטן וואו דער טראָפּ איז שוין אין לשון קודש געשטאַנען מלעיל. נאָך אַ סימן, האָבן מיר, אַז דער טראָפּ האָט זיך איבערגערוקט אויף מלעיל אין גאַנג פון דער געשיכטע פון ייִדיש גופא, נ אָ כ ד ע ם ווי עס האָט זיך געהאַט אָפּגעשפּילט די גערמאַניש אינספּירירטע פאַרלענגערונג פון קורצע וואָקאַלן אין באַטאָנטע אָפּענע טראַפן.

VI

# צו דער אַבסאָלוטער כראָנאָלאָגיע

אינאײנעם גענומען, האָבן די דרײערלײ רעקאָנסטרוקציעס — אינערלעכע, קאָמפּאַראַטיווע און טראַנסקאָמפּאָנענטישע — אונדז מגלה געווען: ערשטנס, אַז דער סעמיטישער קאָמפּאָנענט איז אין ייִדיש אַרײַן מיטן מלרע פון טבריה וואָס האָט זיך אין דער ייִדיש תקופה גופא אַריבערגערוקט אויף מלעיל; צווייטנס, אַז דאָס האָט זיך פאַרלאָפן נ אָ ך דער באַקאַנטער פאַרלענגערונג — אונטער דײַטשישער השפּעה — פון קורצע וואָקאַלן אין באַטאָנטע אָפּענע טראַפן. זײַנען מיר געוואָר געוואָרן סײ דעם באַשייד און סײ די ר ע ל אַ ט י װ ע כראָנאָלאָגיע. צי קען מען עפּעס וואָס געוואָר ווערן מכח דער אַ ב ס אָ ל ו ט ע ר כראָנאָלאָגיע פון דער זאַך, אַשטײגער אין וועלכן יאָרהונדערט עס האָט זיך געקענט פאַרלויפן? צו אַבסאָלוטע כראָנאָלאָגיעס, אַפילו ברײטע, קענען קײן רעקאָנסטרוקציעס ניט דערגײן מיט אַוועלכער ניט איז זיכערקײט. צו דעם דאַרף מען „שטיקעלעך פּאַפּיר" — היסטאָרישע מאָנומענטן.

צווײערלײ דאָקומענטן זײַנען עלול דאָ צוניץ צוקומען. ראשית כל: די באַווײַזן מכח דער צײַט־ראַם פונעם פענאָמען פאַרלענגערונג אין דײַטש גופא, און דאָ זײַנען אַ סך דאָקומענטן דורכגעאַקערט געוואָרן פון דורות גערמאַניסטן. והשנית: עווידענץ פון אַוועלכער ניט איז פריִאיקער „מלעיל קאָנטאַמינירונג" פון לשון קודש (ד.ה. אַ השפּעה פונעם סעמיטישן קאָמפּאָנענט אין ייִדיש אויף דער לשון־קודשדיקער קריאה).

צו דער גערמאַניסטישער דאַטירונג איז פאַראַן גראַפישע עווידענץ פון פאַרלענגערונג אין אָפּענעם טראַף (טאָפּלטע וואָקאַלן — ווי אין <Haar>; וואָקאַלן מיט אַ „פאַרלענגערנדיקן אות" דערנאָך — <h>, <i>, צי <e>; וואָקאַלן געשריבענע מיט צירקומפלעקס). אַזעלכע סימנים טרעפן זיך אָנהײבנדיק אין שפּעטן עלפטן יאָרהונדערט. זײ זעען זיך אָן אין צוועלפטן יאָרהונדערט אין מערבדיקן מיטל־דײַטש און אין פערצנטן יאָרהונדערט טרעפט מען זײ מאַסנווײַז אין אײבער־דײַטש (זע למשל פּאַאול, מאָזער און שרעבלער 1975: §23; ראָס 1982: 124-141; וועלז 1985: 113). אַ וויכטיקע אויפגאַבע אויף להבא בלײַבט די גענויע דאַטירונג פון פאַרלענגערונג אין יענע שטחים וואו מ'האַלט אַז ייִדיש איז אויפגעקומען. דאָס איז אָבער אַ שווערע הלכה. ערשטנס זײַנען ייִדישע פילאָלאָגן שטאַרק מחולק צווישנאַנאַנד איבער דער פראַגע, וואו איז די שפּראַך אויפגעקומען. לויט ווײַנרײַכס טעאָריע, באַקומט זיך אַז אין מערב בײַם רײַן, אין און אַרום שפּײער, וואָרמס און מײַנץ (זע למשל מ. ווײַנרײַך 1973: I, 3, 334-353). לויט קינג און קאַץ איז ייִדיש אויפגעקומען בײַם דאָנײַ און ניט בײַם רײַן, אין געגנט אַרום רעגנסבורג (זע למשל קינג 1979, 1986; קאַץ 1985: 87; 1987א; 1991ג; 1993ב). האַלט מען מיט ווײַנרײַכן, דאַרף מען אונטערזוכן די מערבדיקע רײַנלענדישע דיאַלעקטן; האַלט מען פאַרקערט מיט קינגן און קאַצן, דאַרף מען אויסזוכן די פאַרהעלטענישן אין באַוואַריש און מזרח צענטראַל־דײַטש. אַזוי צי אַזוי איז פאַראַן אַ מעטאָדאָלאָגישער שטער צו אַ זיכערער דאַטירונג וואָס וואַקסט פונעם אוניווערסאַלן פּרינציפּ פון קאָנסערוואַטיווקײט פון דער שריפט. דאָרטן וואו פאַרלענגערונג יאַוועט זיך שוואַרץ אויף ווײַס אין אַ טעקסט, ווײס מען אַז זי איז „פאַראַן" (אינעם שרײַבערס לשון? בײַם קאָפּיסט? בײַם רעדאַקטאָר?). וואו קײן שפּורן פון איר זײַנען פאַרקערט ניטאָ, איז עס אָבער לחלוטין קײן סימן ניט אַז די פאַרלענגערונג האָט זיך „דאָרטן" ניט פאַרלאָפן מחמת ניט יעדער שרײַבער (מילד גערעדט!) טראָגט אַרײַן אין זײַן אָדער אין איר שרײַבן די נײַסטע פאָנאָלאָגישע שינויים וואָס האָבן זיך פאַרלאָפן אין לאָקאַלן גערעדטן לשון. די גערמאַניסטיק זאָגט אָבער בפּה־אחד אַז די פאַרלענגערונג האָט זיך שוין געהאַט פאַרלאָפן אין מערב צענטראַל־דײַטש אין צוועלפטן יאָרהונדערט, אין יענעם יאָרהונדערט האָט זי שוין דערגרײכט מזרח צענטראַל־דײַטש, און באַלד נאָך 1300, אויך אײבער־דײַטש (פּענצל 1975: 114). אויב מיר ווילן זיך רעכענען מיטן צוועלפטן יאָרהונדערט פון אָריענטירונג וועגן, וועלן

מיר האָבן אַ געזונטן אויסגאַנג־פּונקט.

ווייסן מיר, אַז דער סעמיטישער מלרע האָט זיך אין ייִדיש איבערגערוקט אויף מלעיל נ אָ ך (בערך) דעם צוועלפֿטן יאָרהונדערט. מ׳דאַרף זיך משער זײַן אַז בתורת לעבעדיקער פֿאָנאָלאָגישער בײַט, איז די פֿאַרלענגערונג בבת אחת חל געווען סײַ אויף סעמיטיזמען סײַ אויף גערמאַניזמען, אַזוי אַרום אַז בײַ בעטן און בגר וואָלטן זיך די וואָקאַלן סימולטאַן אונטערגעגעבן דער פֿאַרלענגערונג.

צום אַשכנזישן לשון קודש האָבן מיר דאָס עדות־זאָגן פֿון „יקותיאל פֿון פּראָג״, אַ נקדן און מקפּיד אויף די נאָרמעס פֿון דער לשון־קודשדיקער קריאה, וועלכער האָט אַפּנים געלעבט אין דרײַצנטן יאָרהונדערט. ער האָט געהייסן יקותיאל הכהן בן יהודה (יהב״י), און אליה בחור האָט געוואוסט צו דערציילן אַז בײַ אַשכנזים האָט מען אים אָנגערופֿן: זלמן הנקדן (זע אליה בחור 1538: ע״ז ע״א). זלמן הנקדן איז געווען אַ מומחה איבער דער מסורה, און אַ שטרענגער וועכטער איבער דער קלאַסישער לשון־קודשדיקער קריאה. ער האָט געשטו־רעמט קעגן דער השפּעה פֿון די גערעדטע שפּראַכן איבער דער פֿאָנעטיק פֿון דער לשון־קודשדיקער קריאה. דורך דעם וואָס ער האָט אײַנגעטיילט די ייִדישע אייראָפּע אויף קולטור שטחים, נוצנדיק די ייִדישע טערמינען (אַשכנז, צרפֿת און כנען), איז ער בדיעבד געווען דער גרינדער פֿון דער ייִדישער אינטערלינגוויסטיק (זע קאַץ 1991ד: 142).

דאָס נעלם־ווערן פֿון פֿאַרטאָפּלטע קאָנסאָנאַנטן אין דער קריאה (ד.ה. פֿונעם רעאַליזירן פֿאָנעטיש דעם דגש חזק, למשל אין כלה, שבת, קלאַסיש: kallɔ̃́, šabbɔ̃́θ), איז ענג פֿאַרבונדן מיטן איבעררוק אויף מלעיל. אין דער אַלטער פֿאָנאָלאָגיע האָט דער דגש חזק פֿאַרטאָפּלט אַ קאָנסאָנאַנט וואָס האָט אַזוי אַרום געדינט סײַ אויף צו פֿאַרמאַכן דעם פֿריערדיקן טראַף סײַ אויף צו איניציאירן דעם קומעדיקן. בײדע פֿונקציעס געהערן דער העברעאישער סטרוקטור פֿון טראַפֿן: דער פֿריערדיקער טראַף, טאָמער האָט ער אַ קורצן וואָקאַל, מוז ער זײַן אַ פֿאַרמאַכטער, ווײַל קורצע אומבאַטאָנטע וואָקאַלן קענען זיך באַווײַזן נאָר אין פֿאַרמאַכטע טראַפֿן; דער קומעדיקער טראַף מוז זיך פֿאָרט אָנהייבן מיט אַ קאָנסאָנאַנט מחמת דעם וואָס אַ ל ע העברעאישע טראַפֿן הייבן זיך אָן מיט אַ קאָנסאָנאַנט. אַכלל, מיטן איבעררוק פֿון דער באַטאָנונג אויף מלעיל מוז אײַנפֿאַלן דער גאַנצער בנין.

די רייד גייט אַקעגן דעם וואָס זלמן הנקדן באַווײַנט דאָס וואָס „הקוראים הצעירים נהגו שלא השמיעו את הדגש החזק הבא באותיות האילו״ (זע אין יקותיאל 1395: 187ב). דאָס איז טײַטש: „די יונגע בעלי־קריאה האָבן זיך נוהג געווען, אַז זיי האָבן ניט געלאָזט הערן דעם דגש חזק בײַ אָטאָ די אותיות״. אַ סימן האָבן מיר אַז די דעגעמינירונג — קוקנדיק אויף צוריק — איז דעמאָלט געווען אַ נײַער קלאַנגיקער בײַט וואָס האָט זיך געהאַט אָנגענומען בײַם ייִנגערן דור. דער בײַט האָט זיך פֿאַרלאָפֿן פֿאַר יקותיאלס אויגן אין דרײַצנטן יאָרהונדערט.

מ׳דאַרף זיך אָבער ניט סומך זײַן אויף דער סטרוקטורעלער סמיכות־הפּרשה צווישן דעגעמינירונג און דעם איבעררוק אויף מלעיל. יקותיאל רעדט צום ענין גופֿא, ער קריטיקירט „המחלפים את הנגינה״ (׳די וואָס בײַטן איבער דעם וואָרט־אַקצענט׳), אָנווײַזנדיק שוואַרץ אויף ווײַס, ווער עס איז דאָ דער גזלן: „והאשכנזים הורגלו בהן״, דהיינו: „די אַשכנזים האָבן זיך צו זיי אײַנגעוואוינט״ (אַלץ דאָרטן, 188ב). נאָך ערגער, ער ווײַזט אָן אויף מינימאַלע פּאָרלעך וואָס שיידן זיך אונטער נאָר און בלויז אין דער באַטאָנונג, וואו דאָס פֿלאָנטערן פֿירט צום אָנווער פֿון אַוועלכן ניט איז חילוק: בָּנוּ [׳אין אונדז׳] ≠ בָּנוּ֫ [׳האָבן געבויט׳]; שָׁתוּ֫ [׳האָבן אָנגעטאָן׳, ׳זיך אָנגעזעצט׳, ׳זיך אויסגעשטעלט׳] ≠ שָׁתוּ֫ [׳האָבן געטרונקען׳] (יקותיאל 189א).

VII

## מסקנות

בלײַבן אונדז צוויי לאָגישע מסקנות, די רעזולטאַטן פֿון דער רעקאָנסטרוקציע:

(א) דער סעמיטישער קאָמפּאָנענט איז אין ייִדיש אַרײַן מיטן מלרע כנוסח טבריה;

(ב) דער איבעררוק אויף מלעיל האָט זיך פֿאַרלאָפֿן ערשט נ אָ ך דער פֿאַרלענגערונג פֿון קורצע באַטאָנטע וואָקאַלן אין אָפֿענע טראַפֿן וואָס איז חל געווען אויף אַלע קאָמפּאָנענטן פֿון ייִדיש.

און דערצו, נאָך צוויי מסקנות וואָס מ׳קען ציִען פֿון די דאָקומענטן:

(ג) די פֿאַרלענגערונג האָט ייִדיש אַרײַנבאַקומען פֿון דײַטש, וואו זי האָט זיך פֿאַרלאָפֿן אָנהייבנדיק אין שפּעטן עלפֿטן יאָרהונדערט, דערגייענדיק צו אַ גאָר ברייטן פֿאַרשפּרייט סוף דרײַצנטן יאָרהונדערט. (היות ווי עס האַנדלט זיך אין אַן אַקטיוון פֿאָנאָלאָגישן פּראָצעס, ניט אין ווערטער אָדער פֿאָרמעס, קען מען זיך משער זײַן אַז די דאַטירונג לגבי ייִדיש וועט דאָ זײַן ענלעך);

(ד) אין דרײַצנטן יאָרהונדערט האָט זיך דער טראָפּ שוין איבערגערוקט אויף מלעיל אין סעמיטישן קאָמפּאָנענט פֿון ייִדיש, ווי ס׳איז צו זען פֿון די לשון־קודשדיקע לייען־רגילותן קעגן וועלכע עס האָט

געשטורעמט זלמן הנקדן (נעמענדיק אין באַטראַכט אַז דאָ גייט אין אַ השפּעה פונעם סעמיטישן קאָמפּאָנענט וואָס אין ייִדיש אויף דער אַשכנזישער קריאה).

צו דער פראַגע מכּה דעם דירעקטן גורם, לאָזט זיך קאָנסטרואירן, אַז די גערמאַנישע שורש אַקצענטירונג, וואָס למעשה איז זי אַמאָפּטסטן געשטאַנען אָנהייב וואָרט, האָט אויסגעשטראַלט מיט אַ מאַגנעטישער אַטראַקציע וואָס האָט דעם סעמיטישן מלרע ניט באַוויזן איינגעמען, און יאָ באַוויזן איבעראַנדערשן, אין דער „פּאָנאָלאָגישער לאַנדשאַפט" פון אייראָפּע. געבליבן איז אַ נייע גרענעץ אַקצענטירונג, מלעיל, וואָס איז אַנדערש איידער דער סעמיטישער מלרע פון וועלכן ער האָט זיך גענומען, אַנדערש אויך איידער די גערמאַנישע שורש אַקצענטירונג וואָס האָט אויף אים געווירקט, און מיט וועלכער ער לעבט זיך בהאַרמאָניע צונויף. דערמיט האָט ייִדיש אַ נייע סיסטעם, וואָס איז נאָר און בלויז: ייִדיש.

# ביבליאָגראַפיע


אידעלסאָן, א. צ.

1913 A. Z. Idelsohn, "Die gegenwärtige Aussprache des Hebräischen bei Juden und Samaritanern" in *Monatsschrift für Geschichte und Wissenschaft des Judentums* 57 (n.s. 21): 527-545, 697-721.

אליה בחור

1538 ספר מסורת המסורת חברו ר' אליהו המדקדק י"ץ ב"ר אשר הלוי האשכנזי זצ"ל. להבין ולהורות. לאנשי הדורות. דרך בעלי המסורות. בקצור לשונם. וחידותם וסימנם. בראשי תיבות ובנוטריקון. לכלם עשה תקון. נדפס בוויניסייא הבירה. בבית השר דניאל בומבירגי יר"ה, דניאל באָמבערג: ווענעציע.

באָראָכאָוו, בער

1913 „אָנמערקונגען צום פּאָריקן אַרטיקל" [= טשעמערינסקי 1913] אין ניגער 1913: 71-78.

באַרטאַל, י. און מענדעלסאָן, ע. און טורניאַנסקי, ח.

1993 Israel Bartal, Ezra Mendelsohn & Chava Turniansky (eds.), *Studies in Jewish Culture in Honour of Chone Shmeruk*, Zalman Shazar Center for Jewish History: Jerusalem.

ביים, האַרטאָך

1970 Hartog Beem, *jerŏsche (Erfenis). Jiddische spreekwoorden en zegswijzen uit het nederlandse taalgebied*, 2e gewijzigde en aangevulde druk, Van Gorcum & Comp: Assen.

בירנבוים, שלמה

[1918] Solomon A. Birnbaum, *Praktische Grammatik der jiddischen Sprache für den Selbstunterricht. Mit Lesestücken und einem Wörterbuch* [= *Die Kunst der Polyglottie*, 128], A. Hartleben: Vienna & Leipzig.

1922 *Das hebräische und aramäische Element in der Jiddischen Sprache. Inauguraldissertation verfasst und der philosophischen Fakultät der bayer. Julius-Maximilians-Universität Würzburg zur Erlangung der philosoph. Doktorwürde vorgelegt am 10. Juni 1921*, Zahn & Baendel: Kirchhain.

1929 "Jiddische Sprache" in *Jüdisches Lexikon* (Jüdischer Verlag: Berlin) 3: 269-278.

1932 und I. Schipper, "Jiddisch" in *Encyclopaedia Judaica. Das Judentum in Geschichte und Gegenwart* (Eschkol: Berlin) 9: 112-127.

1943 "Yiddish" in *Universal Jewish Encyclopedia* (Universal Jewish Encyclopedia Co.) 10: 598-601.

1979 *Yiddish: A Survey and a Grammar*, Manchester University Press:

Manchester & University of Toronto Press: Toronto.

בעראַנעק, פ.

1965 Franz J. Beranek, *Westjiddischer Sprachatlas*, N. G. Elwert Verlag: Marburg.

בעש, וו. און קנאָפּ, או. און אַנדערע

1983 Werner Besch & Ulrich Knoop et al. (eds.), *Dialektologie. Ein Handbuch zur deutschen und allgemeinen Dialektforschung*, 2, Walter de Gruyter: Berlin.

גלינערט, לייזער

1993 Lewis Glinert (ed.), *Hebrew in Ashkenaz. A Language in Exile*, Oxford University Press: New York.

הערצאָג, מיכל

1965 Marvin I. Herzog, *The Yiddish Language in Northern Poland. Its Geography and History* [= *Indiana University Research Center in Anthropology, Folklore, and Linguistics*, Publication 37 = *International Journal of American Linguistics* 31.2, part iii], Mouton: The Hague.

1969 "Yiddish in the Ukraine" in Herzog, Ravid & Weinreich 1969: 58-81.

הערצאָג, מיכל און ראַוויד, וויטאַ און ווײַנרייך, אוריאל

1969 Marvin I. Herzog, Wita Ravid, Uriel Weinreich (eds.), *The Field of Yiddish. Studies in Language, Folklore, and Literature*, Third Collection, Mouton: The Hague.

הערצאָג, מיכל און ווײַנרייך, אוריאל און באַוויסקאַר, ווערא

1992 Marvin I. Herzog, Uriel Weinreich, Vera Baviskar (eds.), *The Language and Culture Atlas of Ashkenazic Jewry. Volume I: Historical and Theoretical Foundations*, Max Niemeyer Verlag: Tübingen.

ווײַנרייך, אוריאל

1958 Uriel Weinreich, "A Retrograde Sound Shift in the Guise of a Survival. An Aspect of Yiddish Vowel Development" in Catalán 1958: 221-267.

1965 (ed.), *The Field of Yiddish. Studies in Language, Folklore and Literature*. Second Collection, Mouton: The Hague.

ווײַנרייך, מאַקס

1960 „די סיסטעם יידישע קדמון וואָקאַלן" אין יידישע שפּראַך 20: 65-71.

1963-64 „ראשית ההברה האשכנזית בזיקתה לבעיות קרובות של היידיש ושל העברית האשכנזית" אין לשוננו 27-28: 131-147, 230-251, 318-339.

1973 געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך. באַגריפן, פאַקטן, מעטאָדן, 4 בענד, ייווא: ניו־יאָרק.

וויים, שמואל־דוד

1971 „\אַ\, \אַ:\ און \אַי\ אינעם יידישן וואָקאַליזם" אין יידישע שפּראַך 30: 65-69.

ווילענקין, לייזער

1931 יִדישער שפּראַכאַטלעס פון סאָוועטנפאַרבאַנד. אפן גרונט פון די דִיאַלעקטאָלאָגישע מאַטעריאַלן, וואָס זײַנען צונויפגעזאַמלט געוואָרן דורך דער שפּראַכקאָמיסִיע פון יִדישן סעקטער פון דער ווײַסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אונטער מ. ווײַנגערס אָנפירונג. פאָגעטיק, ווײַסרוסישע וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע — יִדישער סעקטער: מינסק.

ווינער, לעאָ

1894 Leo Wiener, "On the Hebrew Element in Slavo-Judaeo-German" in *Hebraica* (Chicago) 10: 175-187.

וועלז, ק. דזש.

1985 C. J. Wells, *German: A Linguistic History to 1945*, Clarendon Press: Oxford.

זיסקינד, נתן

1953 „באַטראַכטונגען וועגן דער געשיכטע פון יידיש" אין יידישע שפּראַך 13: 97-108 [איבער-געדרוקט אין מאַרק 1958: 146-157].

טשעמערינסקי, ח.

1913 „די יידישע פאָנעטיק" אין ש. ניגער 1913: 47-71.

יאַקאָבסאָן, ראָמאַן

1953 „דער יידישער קלאַנגען-באַשטאַנד אין פאַרגלייך מיטן סלאַווישן אַרום" אין יידישע שפּראַך 13: 70-83 [איבערגעדרוקט אין מאַרק 1953: 207-220].

יקותיאל הכהן בן יהודה

1395 [כתב-יד בריטישער מוזיי Add. 19,776].

לוצאטו [לוצאַטאָ], שמואל דוד [= שד"ל]

1830 אוהב גר, אַנטאָן עדלעם פאָן שמיד: ווין.

לייבל, דניאל

1965 Daniel Leibel, "On Ashkenazic Stress" in U. Weinreich 1965: 63-72.

מאַרק, יודל

1958 (רעד.), יודאַ אַ. יאָפע בוך, ייוואָ: ניו-יאָרק.

מיזעס, מתתיהו

1924 Matthias Mieses, *Die jiddische Sprache. Eine historische Grammatik des Idioms der integralen Juden Ost- und Mitteleuropas*, Benjamin Harz: Berlin & Wien.

ניגער, ש.

1913 (רעד.), דער פּנקס. יאָרבוך פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך, פאַר פאָלקלאָר, קריטיק און ביבליאָגראַפיע, ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין: ווילנע.

סאַפּיר, עדוואַרד

1894 Edward Sapir, "Notes on Judeo-German Phonology" in *Jewish Quarterly Review* (Philadelphia) n.s. 6: 231-266

סגל, משה צבי

1928 יסודי הפוניטיקה העברית. חקירה בהברון העברי ותולדותיו, ספריה היסטורית-פילולוגית, ד"ר יהודה יונוביץ: ירושלים.

עמדין, יעקב

1745 פלטין בית אל העומד על שבעה עמודי שמים ונקרא גם אור שבעת הימים: אלטונא [אַלטאָנע].

פּאַאול, ה. און אַנדערע

1975 Hermann Paul, *Mittelhochdeutsche Grammatik*. 21., durchgesehene Auflage von Hugo Moser and Ingeborg Schröbler, Max Niemeyer Verlag: Tübingen.

פּענצל, ה.

1957 Herbert Penzl, [review of Ebehard Kranzmayer, *Historische Lautgeographie des gesamtbairischen Dialektraumes*] in *Language* 33: 467-475.

1975 *Vom Urgermanischen zum Neuhochdeutschen. Eine historische Phonologie* [= Grundlagen der Germanistik, 16], Erich Schmidt Verlag: Berlin.

פּרילוצקי, נח

1920 צום יידישן וואָקאַליזם. עטיודן [= יידישע דיאַלעקטאָלאָגישע פאָרשונגען. מאַטעריאַלן פאַר אַ וויסנשאַפטלעכער גראַמאַטיק און פאַר אַן עטימאָלאָגיש ווערטערבוך פון דער יידישער שפּראַך, 4 = נח פּרילוצקים כתבים, 10]: וואַרשע.

1921 דיאַלעקטאָלאָגישע פּאַראַלעלן און באַמערקונגען. עטיודן וועגן יידישן וואָקאַליזם [= יידישע דיאַלעקטאָלאָגישע פאָרשונגען, 3 = נח פּרילוצקים זאַמלביכער פאַר יידישן פאָלקלאָר, פילאָלאָגיע און קולטור געשיכטע, צווייטע העלפט פון צווייטן באַנד = נח פּרילוצקים כתבים, 9]: וואַרשע.

פייסט, זיגמונד

1923 [רעצענזיע איבער בירנבוים 1922 אין] *Zeitschrift für deutsche Mundarten* 18: 141-142. [געחתמעט: S.F.].

פישמאַן, שיקל

1985 Joshua A. Fishman (ed.), *Readings in the Sociology of Jewish Languages*, E. J. Brill: Leiden.

פישער, יחיאל [= בן־נון, יחיאל]

1936 Jechiel Fischer, *Das Jiddische und sein Verhältnis zu den deutschen Mundarten unter besonderer Berücksichtigung der ostgalizischen Mundart. Erster Teil: Allgemeiner Teil — Lautlehre. Erste Hälfte: Allgemeiner Teil. Inaugural-dissertation zur Erlangung der Doktorwürde einer Hohen Philosophischen Fakultät der Ruprecht-Karls-Universität Heidelberg*, Buchdruckerei Oswald Schmidt G.M.B.H.: Leipzig.

1951 „העברית שביידיש" אין לשוננו 17: 139-144.

1973 Jechiel Bin-Nun, *Jiddisch und die deutschen Mundarten. Unter besonderer Berücksichtigung des ostgalizischen Jiddisch*, Max Niemeyer: Tübingen.

קאַטאַלאַן, ד.

1958 Diego Catalán (ed.), *Miscelánea homenaje a André Martinet. Estructuralismo e historia*, T. II, Biblioteca Filológica: Universidad de La Laguna.

קאַץ, הירשע־דוד [= קאַץ, דוד]

1982 Dovid Katz, *Explorations in the History of the Semitic Component in Yiddish*, University of London PhD dissertation.

1983 "Zur Dialektologie des Jiddischen" in W. Besch et al. 1983: 1018-1041.

1985 "Hebrew, Aramaic and the Rise of Yiddish" in Fishman 1985: 85-103.

1986 „יוסף הערצעם אסתר: צענטראַל־מערב יידיש אין "פירט" אין *Israelitische Kultusgemeinde Fürth* (סעפטעמבער 1986): 20-27.

1987א "The Proto Dialectology of Ashkenaz" in D. Katz 1987b: 47-60.

1987ב (ed.), *Origins of the Yiddish Language. Papers from the First Annual Oxford Winter Symposium in Yiddish Language and Literature, 15-17 December 1985* [= *Winter Studies in Yiddish*, 1], Pergamon Press: Oxford.

1991א „דער סעמיטישער חלק אין יידיש: אַ ירושה פון קדמונים" אין אָקספאָרדער יידיש 2: 17-95.

1991ב „שלמה בירנבוים" אין אָקספאָרדער יידיש 2: 271-276.

1991ג "The Children of Heth and the Ego of Linguistics. A Story of Seven Yiddish Mergers" in *Transactions of the Philological Society* 89: 95-121.

1991ד "A Late Twentieth Century Case of *katoves*" in D. B. Kerler 1991: 141-163.

1993א "The Phonology of Ashkenazic" in Glinert 1993: 46-87.

1993ב "East and West, khes and shin and the Origin of Yiddish" in Bartal, Mendelsohn & Turniansky 1993: 9-37.

קאַץ, מעינקע

1991 „פאָרם אין פּאָעזיע און נאַטור" אין אָקספאָרדער יידיש 2: 161-170.

קינג, ראָבערט ד.

1979 Robert D. King, "The Evidence of the German Component", paper placed before the First International Conference on Research in Yiddish Language and Literature, Oxford, 6—9 August.

1986 "Migration and Linguistics as Illustrated by Yiddish", paper placed before the Indo-European Symposium, IREX Conference on Comparative

Linguistics, University of Texas at Austin, 4—6 November.

קערלער, דוב⸗בער

Dov-Ber Kerler (ed.), *History of Yiddish Studies. Papers from the Third Annual Oxford Winter Symposium in Yiddish Language and Literature, 13-15 December 1987* [= *Winter Studies in Yiddish,* 3], Harwood: Chur. 1991

ראָס, טשאַרלז

Charles V. J. Russ, *Historical German Phonology and Morphology*, Clarendon: Oxford. 1978

*Studies in Historical German Phonology. A Phonological Comparison of MHG and NHG with Reference to Modern Dialects*, Peter Lang: Berne & Frankfurt. 1982

שײנעאַנו, לאַזאַר

Lazăr Șaineanu, *Studiu Dialectologic asupra Graiului Evreo-German*, Eduard Wiegand: Bucharest. 1889